# אַ מַעֲשֶׂה פַאר׳ן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵויטְן

אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער, אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן; דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: ״רֶבִּי, מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?״

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר אִיז גֶעגַאנְגֶען אוֹיסְלֵייזְן אַ אִיד פוּן דִי רוֹימֶער, עֶר הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּאנט זַיין אֵייזְל אוּן גֶעפָארְן אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים.

אוֹיפְן וֶועג שְׁמוּעֶסְט דֶער צַדִיק מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים, עֶר דֶערְצֵיילְט זֵיי פוּנֶעם בַּאשֶׁע פֶּערְ׳ס וואוּנְדֶער, מֶען זֶעט דִי שֵׁיינֶע בֶּערְג אוּן דִי שֵׁיינֶע טָאלְן, דִי שֵׁיינֶע זוּן מִיט דִי וָואלְקֶענֶעס.

זֵיי פָארְן בִּיז זֵיי קוּמֶען אָן צוּ אַ טַייךְ, נִישְׁטָא קַיין בְּרִיק, נִישְׁטָא קַיין שִׁיפְן, דֶער צַדִיק פַארְלִירְט זִיךְ נִישְׁט, דֶער צַדִיק בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, מַאךְ אַנֵס אַז דִי טַייךְ זָאל זִיךְ שְׁפַּאלְטְן, אִיךְ זָאל קֶענֶען רַאטֶעוֶוען דֶעם אִיד פוּן תְּפִיסָה״.

דֶער צַדִיק רוּפְט זִיךְ אָן צוּם טַייךְ: ״טַייךְ, טַייךְ, אִיךְ בִּין גוֹזֵר אוֹיף דִיר דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁפַּאלְטְן״, דִי טַייךְ מַאכְט זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג, זִי גִיסְט אִירֶע וַואסֶערְן וַוייטֶער אַזוֹי וִוי עֶס וָואלְט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט, בִּיז דֶער צַדִיק זָאגְט:

"אויב דו ווֶעסְט זִיךְ נִישְׁט שְׁפַּאלְטְן וֶועל אִיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְטְרוּקֶענֶען, עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיס טַייךְ".

אַלֶע תַּלְמִידִים קוּקְן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זֵיי זֶעעֶן וִוי דִי טַייךְ שְׁפַּאלְט זִיךְ, דֶער צַדִיק גֵייט אַרַיין אִינְמִיטְן פוּן דִי וַואסֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן מוֹרָא, אֵיינֶער רוּפְט זִיךְ אָן צוּם אַנְדֶערְן: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַרַיינְצוּגֵיין אִין דִי וַואסֶער", "אוֹיךְ אִיךְ הָאבּ מוֹרָא", "אֶפְשָׁר וֶועט דִי וַואסֶער אוּנְז פַארְשְׁוֶועמֶען, אֶפְשָׁר נָאר דֶער רֶבִּי וָואס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶר דַארְף נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן", דִי תַּלְמִידִים פְרֶעגְן דֶעם צַדִיק: "רֶבִּי מִיר מֶעגְן אוֹיךְ אַרִיבֶּער גֵיין אִין וַואסֶער?"

דֶער צַדִיק רֶבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ זֵיי אוּן זָאגְט זֵיי דִי וֶוערְטֶער: "דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט דִי חֲבֵרִים, דִי דַארְפְן נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, דִי קֶענֶען מִיט מִיר אַרַיינְקוּמֶען אִין דִי וַואסֶער, אָבֶּער דִי תַּלְמִידִים וָואס טְשֶׁעפֶּען אַנְדֶערֶע - דִי זָאלְן בֶּעסֶער נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער, וַוייל דִי וַואסֶער וֶועט זֵיי פַארְשְׁוֶועמֶען".



טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל מֶער קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ צְוֵוייטְן, אִיךְ זָאל נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען קֵיינֶעם, אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן מִיר גֶעטְשֶׁעפֶּעט, אֲפִילוּ אוּמְוִוילְנְדִיג, אָמֵן סֶלָה".

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א"י: 07970-400-66
ארה"ב: 1-5-2-1 ,212-444-9191